נייעסן, באריכטן, אנטוויקלונגען און היסטאריע פון
**מוסדות יטב לב דרבינו יואל בארה"ק**
לצדקת רבי מאיר בעל הנס

גליון כ"ב

# בקודש חזיתיך

ארויס געגעבן דורך הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ב

**שבת מברכים אלול • שנת תשע"א לפ"ק**

# א בליק אויפ'ן
# וויטן האריזאנט



באארבעט דורך: הכותב

געשפאנטערהייט זיצן הונדערטער מענטשן אויפ'ן גרויסן שיף, און וואַרטן קוים אַז די שיף זאָל זיך שוין א ריר טון, זיך אַרויסצולאָזן אויפ'ן גרויסן ים, דורך וועלכע זיי וועלן אָנקומען צו זייער דעסטינאַציע וואו אַהין זיי צילן אָנצוקומען.

די מענטשן אויפ'ן שיף זענען שוין אומגעדולדיג, אָבער דער שיפס-קאַפּיטאַן איז עפּעס נישט איבערגענומען פון זייער געאייל. ער יאָגט זיך נישט, און אַנשטאַט אנהייבן פירן דעם גרויסן שיף שטייט ער אויפ'ן פּאָרט, ער האַלט אין די האַנט א גרויסן קוקער מיט וועלכן ער באַטראַכט דעם גאַנצן האָריזאָנט. אויף זיינע צורה דערקענט מען דעם געוואַלדיגן התפּעלות וואָס נעמט אים אַרום, וואס צייגט אַז ער ווערט באמת פאַרוואונדערט פון דאָס וואָס אנפלעקט זיך פאַר זיינע אויגן.

צו באַטראַכטן דעם אויבערשטענס וואונדער איז נישט קיין שלעכטע זאַך, אָבער אַלעס האָט זיך זיין צייט. האָט ער נישט איצט בעסער וואָס צו טון? פּונקט איצט ווען די פאסזשירן זענען אָנגעצויגן שפּאַצירט ער אין די הימלען?

עס נעמט אָבער נישט לאַנג, און דער הויפּט-קאַפּיטאַן נייגט זיך צו זיינע געהילפן וואָס העלפן אים פירן די שיף, און זאָגט זיי אָן אַז מען דאַרף פארקירווען דעם וועג, פאָרן פון אַן אַנדערן ריכטונג, כדי אָנצוקומען דאָרט וואו מען וויל אָנקומען.

וואָס איז? פאַרוואָס עפּעס פארקירווען דעם וועג? דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען און געקוקט מיט'ן "קוקער" דורך וועלכע ער האָט געקענט באַטראַכטן די הויכע הימלען פון ווייט ווייט אַוועק. אַזוי באטראכטענדיג די הימלען האָט ער באַמערקט אַז אויפן הימל ווייט אַוועק, דאָרט וואו מען דאַרף לויט'ן פּלאַן אָנקומען ביז עטליכע טעג, דאָרט זעט מען איצט א שוואַרץ פּינטעלע. אפילו מיט'ן פאַרגרעסערונג-גלאָז פונעם קוקער האָט זיך עס אָנגעזען בלויז ווי א קליין פּינטעלע, און דער קאַפּיטאַן איז געוואָרן אינגאַנצן פאַרזאָרגט. מ'זעט א „פּינטל" מ'קען אַזוי נישט פאָרן! מ'דאַרף טרעפן אַן אָלטערנאַטיווע וועג ווי אַזוי דורכצומאַכן די רייזע.

אייער פון די געהילפן שטייט און וואונדערט זיך. וואָס גייט

2

פאר הערות, קאמענטארן,
אדער צו באקומען דעם גליון
**פארבינדט אייך מיט אונז אויף:**
**Tel: 1877-YETEV-LEV**
(1877-938-3853)
**Fax: 866-594-0261**

**המולד**
של חודש אלול
**מאנטאג פארטאגס**
**5:24**
**מיט 13 חלקים**
ראש חודש: **יום ג' וד'**

# א בליק אויפ'ן ווייטן האריזאנט

פאר? צוליב אזא קליין פינטל מאכט ער אן עסק? אבער טאקע צוליב דעם, ווייל ער פארשטייט נישט אזעלכע האקעלע ענינים, איז ער בלויז א געהילף און א צווייטער איז דער הויפט-קאפיטאן... מיט זיין פיליערינג ערפארונג האט דער "קאפיטאן" גלייך פארשטאנען אז דאס איז גאר קיין פינטל נישט. דאס איז א גרויסער שווארצער וואלקן, וואס פאראורזאכט שטורעם-ווינטן און זעווארוכעס, און אויב וועט ער דארט דורכפארן, וועט די גאנצע שיף זיין אין א סכנה ח"ו.

אויפ'ן ארט האט דער קאפיטאן אזוי אויסגעשטעלט דעם וועג, צו פארן אויף גאנץ אן אנדערער ריכטונג פון וועלכע דער גרויסער שווארצער וואלקן קומט אים קעגן, כדי געזונטליך אויסצומיידן די סכנות וואס קענען זיך מאכן אינמיטן וועג.

*

אין מסכת בבא בתרא ברענגט די גמרא, אז ווען מ'האט באוויינט די פטירה פון איינעם פון די גדולי הדור, זענען חז"ל דאס מגדיר אלס **"אוי לה לספינה שאבדה קברניטה" ווי איז פאר די שיף וואס האט פארלוירן איר קאפיטאן.** די גדולי ישראל ווערן אנגערופן די "עיני העדה" מיט זייערע ליכטיגע אויגן זעען זיי זאכן אויך וואס מיר פשוט'ע מענטשן זעען בכלל נישט מיט די פליישיגע אויגן, און אלס די קאפיטאנען פון כלל ישראל, קוקן זיי אויף ווייט אוועק, און זיי גרייטן אונז פאר די מעגליכקייט ווי אזוי אויסצומיידן אזעלכע אומשטענדן.

"אוי לה לספינה שאבדה קברניטה" האבן מיר אלע בתוך כלל ישראל געוויינט און געיאמערט מיט 32 יאר צוריק, איינעם ביטערן טאג כ"ו אב תשל"ט. מיר האבן פארלוירן אונזער טאטן און מנהיג מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, וואס האט אזויפיל יארן אונז געטריי געפירט מיט אזויפיל געניטשאפט און קדושה. עס זענען געווען ליכטיגע זמנים, וואס ווי נאר מיר האבן געהאט א צרה, א פראבלעם, דאס הארץ האט געקוועטשט, האבן מיר געוואוסט אז דאס ארט זיך דאס אויסצוגיסן איז בקודש פנימה ביים רבי'ן זי"ע, פון וואו געדרוקטע הערצער זענען ארויסגעקומען דערלייכטערט און געהאלפן מיט גאנצע ישועות.

און שוין דעמאלט, ווען מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע איז נאך געווען בחיים חיותו, אין די גאנץ לעצטע טעג פון זיין הייליג לעבן אויף דעם עולם השפל, האט דער רבי זי"ע בעיניו הבדלוחים געזען א "שווארץ פינטל" פונדערווייטנס. דער הייליגער רבי וואס בחיים חיותו האט ער אונז אלע געטראגן אויף זיין פלייצעס כאשר ישא האומן את היונק, האט זיך געזארגט פאר אונז, וואס וועט זיין מיט מיין עדה? ווי אזוי וועלן זיי זיך קענען אן עצה געבן מיט דעם שווארצן פינטל, מיט די צרות ותלאות וואס ער האט שוין דעמאלט פאראויסגעזען?

מיט זיין גרויסן זארג פאר אונזער עתיד האט דער רבי זי"ע צוויי וואכן פאר די פטירה ארייגערופן די מקורבים, און מיט בכיות נוראות געוויינט פאר זיי "וואס וועט זיין מיט מיינע מוסדות אין ארץ ישראל?!" "דאס" איז געווען דער זארג פאר דעם צדיק הדורות, וואס מיט זיין הייליגן בליק האט ער פארשטאנען, אז ווען זיינע הייליגע מוסדות "יטב לב" אין ארה"ק וועלן האבן א קיום, וועלן נישט בלויז די ארץ ישראל'דיגע אידן נהנה זיין, נישט בלויז עס וועט זיין א המשך פאר שיטתו הבהירה וואס ער האט מיט אזויפיל מסירת נפש גע'חזר'ט און געלערנט. דאס אויך, אבער פי כמה וועלן די ארץ ישראל'דיגע מוסדות זיין דער רעטונגס-ברעט ביי וועלכן מיר אלע וועלן אי"ה ווייטער זוכה זיין צו זען ישועות, אט די זעלבע ישועות וואס מיר האבן ביים רבי'ן זי"ע אליינס גע'פועל'ט בחיים חיותו.

ומפי השמועה למדנו, איז באקאנט וואס עס דערציילט ככוד הגה"צ רבי ארי' לייבוש טייטלבוים שליט"א דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית ויואל משה, אז זיין פאטער החסיד המופלג בנש"ק ר' אלחנן חיים טייטלבוים זי"ע פלעגט יעדעס יאר הושענא רבה אויפדערנאכט אריינגיין זיך געזעגענען ביים רבי'ן זי"ע מיט א קוויטל. דערביי פלעגט ער איבערגעבן א סכום געלט פאר'ן רבי'נס מוסדות.

> **אבער פי כמה וועלן די ארץ ישראל'דיגע מוסדות זיין דער רעטונגס-ברעט ביי וועלכן מיר אלע וועלן אי"ה ווייטער זוכה זיין צו זען ישועות, אט די זעלבע ישועות וואס מיר האבן ביים רבי'ן זי"ע אליינס גע'פועל'ט בחיים חיותו.**

אין איינע פון די יארן ווען ער האט אראפגעלייגט דאס געלט אויפ'ן טיש, האט דער רבי זי"ע אים געפרעגט פאר וואס דאס געלט איז. האט ר' חנה ז"ל געקווענקעלט, נישט וויסענדיג וואס צו זאגן. האט דער רבי זי"ע זיך אליינס אנגערופן "אפשר געסטו דאס געלט פאר מוסדות יטב לב?"

האט ר' חנה א פרעג געטון "פארוואס וויל דער רבי דייקא פאר מוסדות יטב לב?" האט דער רבי אים געענטפערט בל"ק: **"ווען דו וואלסט געוואוסט וואס פארא הייליגע צדקה דאס איז, וואלסטו נישט געפרעגט די קשיא!".**

דאס איז געווען דעם רבי'ן זי"ע'ס בליק און מהלך. אין די הייליגסטע מאמענטן פון יאר, ווען אידן זענען אנגעוויזן אויף ספעציעלע זכותים, האט ער באפוילן אידן צו געבן פאר "מוסדות יטב לב" אריינברענגענדיג דעם געפיל אז בזכות פון די צדקה קען מען פועל'ן כל מיני ישועות, און זוכה זיין אוועקצושטופן אלע שווארצע וואלקענס וואס פארשווארצן דעם האריזאנט.

היינטיגן טאג כ"ו אב, ווען מיר אלע האבן זיך משתטח געווען על ציון קדשו, יעדער איז געקומען מיט זיין פעקל, יעדער מיט זייניע בקשות, אויף בני חיי ומזוני, נחת פון די קינדער, געזונטע ליכטיגע דורות, גוטע שידוכים, פרנסה בריווח ובניקל, און נאך און נאך, דארפן מיר האלטן פאר די אויגן אז דער בעל הילולא זי"ע האט אונז שוין פארגעגרייט דעם וועג. ער האט אונז שוין באלויכטן דעם עתיד, און אונז פאראויסגעזאגט וואס מיר האבן צו טון.

אויב א קורצע צייט פאר זיין פטירה איז געווען "בכה רבי" און דער צדיק האט געוויינט "וואס וועט זיין מיט מיינע מוסדות אין ארץ ישראל?" איז זיכער אז די אלע אידן וואס העלפן צו אז שאיפת קדשו זאל אויסגעפירט ווערן, און זענען אז די הייליגע מוסדות זאלן האבן א ווייטערדיגע המשכה, שטייט דער צדיק גרייט אפצואווישן די טרערן פון די אידן, און איז משפיע כל מיני השפעות טובות להצל מכל מרעין ועתקין בישין, וישוושע כל אחד בכל ענייו לטובה, ונזכר ונכתב לכתיבה וחתימה טובה ולשנת גאולה וישועה, אמן.

כ״ב

רייכער אפהאנדלונג איבער

**"מעות ארץ ישראל" לצדקת**

# רבי מאיר בעל הנס



דער שייכות וואס די חסידים האבן אנגעהאלטן מיט די אידן אין חו״ל, האט געברענגט גוטע פירות, נישט נאר אין געלט שטיצע, נאר עס האט אויך געברענגט אז מזמן לזמן האט זיך געמאכט קלענערע גרופעס וואס זענען געקומען לעבן אין ארץ ישראל.

אין יאר תקנ״ד, איז געקומען קיין ארץ ישראל א גרופע חסידים פון אוקריינע און פולין, בראש פון הגה״ק רבי יעקב שמשון משפיטיווקא זי״ע, א תלמיד פון גרויסן מגיד זי״ע. און פיר יאר שפעטער, אין יאר תקנ״ח איז געקומען קיין ארץ ישראל הרה״ק רבי זאב וואלף מטשארניאסטרא זי״ע.

אויך הרה״ק רבי נחמן מברסלב זי״ע האט באשלאסן ערב פסח שנת תקנ״ח ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל.. ער האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג י״ח אייר, ל״ג בעומר, תקנ״ח. ער איז געגאנגען דורך ניקאליעוו קיין אדעסא, און פון דארט איז ער געפארן מיט א שיף, אויפן שווארצן ים, ביז קיין קושטא, טערקיי. דארט האט ער זיך אויפגעהאלטן ביז סוף חודש אלול, ווייל ס'דעמאלט געווען די צייטן פון די מלחמה צווישן נאפאליאן און רוסלאנד, און די פראנצויזשע ארמיי האט זיך דאן געפינען אין עגיפטן און אין ארץ ישראל, און ס'איז געווען שווער צו טרעפן א שיף וואס זאל וועלן פארן קיין ארץ ישראל.

נאך א גאר שטורעמישע נסיעה איז רבי נחמן אנגעקומען קיין יפו צוויי טעג פאר ראש השנה, ער האט געוואלט דא אראפגיין און זיין אין יפו אויף ראש השנה, אבער ער האט דאס נישט געקענט טאן, ווייל מען האט אים נישט אראפגעזאלט פון שיף. די חברה האבן חושד געווען אז ער איז א פראנצויזישער שפיאן און מען האט אים נישט געלאזט אראפגיין פון די שיף, און ער האט געמוזט פארן ווייטער מיט די שיף קיין חיפה,.וואו ער איז אנגעקומען ערב ראש השנה ממש.

ווען ר' נחמן האט באוויזן צו באטרעטן די ערד פון ארץ ישראל, איז ער געווען מלא שמחה. ער האט שפעטער געזאגט אז אין די מינוט וואס ער איז געגאנגען ד' אמות אין ארץ ישראל, האט ער שוין געפועלט וואס ער האט געוואלט דערגרייכן.

נאך סוכות האט זיך רבי נחמן ארויסגעלאזט פון חיפה קיין טבריה, און האט זיך דארט אויפגעהאלטן יענעם ווינטער. שפעטער האט ער זיך צוריק געקערט אהיים קיין אוקריינע. און טראץ דעם וואס ער איז נישט געווען אין ארץ ישראל מער ווי א האלב יאר, דאך האט די האלבע יאר געהאט אויף אים א גרויסע השפעה.

דער משמש וואס איז מיטגעפארן מיט רבי נחמן קיין ארץ ישראל, האט שפעטער אפגעשריבן די גאנצע נסיעה און אלס וואס ער האט מיטגעלעבט מיט רבי נחמן, און איז געדריקט געווארן אין א ספעציעלן קונטרס, וואס האט געהאט א גרויסן איינפלוס אויף די וואס האבן געטראכט צו פארן און דאס האט זיי געגעבן גרויס חיזוק.

*

אין יאר תקצ״א איז געקומען קיין ארץ ישראל, דער "בת עין". הלא הוא הרה״ק רבי אברהם מאווריטש זי״ע, וועלכער איז געווען א תלמיד פון רבי מנחם נחום מטשערנאביל זי״ע, און פון הייליגן בארדישטעווער זי״ע. ער האט געהאט א מורא'דיגע ליבשאפט צו ארץ ישראל. דאס זעט מען גאר שטארק ארויס פון זיין ספר "בת עין". ער האט זיך באזעצט אין צפת און איז דארט געווארן דער מנהיג העדה פון אלע חסידים, און כמעט פון אלע אשכנזים.

ס'באקאנט אז אין צפת איז פארגעקומען א שרעקליכע ערד ציטערניש, ווען כמעט די גאנצע שטאט איז איינגעפלאן. איז דאן געשאטנען דער אווריטשער זי״ע אין זיין בית המדרש און געהייסן דעם עולם שנעל קומען נעבן אים, און די דאך פון די שול איז איינגעפאלן נאר אויף די זייט ווי קיינער איז נישט געשטאנען, אזוי זענען זיי געראטעוועט געווארן.



מען האט אויפגעשטעלט א טאוול אויף דעם בית המדרש וואו עס איז געשען דער נס, מיטן פאלגנדן לשון: מה נורא המקום הזה, בית מדרש של רבי אברהם דוב האדמו״ר מאווריטש זצ״ל, שחזה את הרעש הגדול על צפת תובב״א בתקצ״ז ובזכותו הגדולה ניצל חצי ביהמ״ד מחורבן והאדמו״ר ותלמידיו שרדו בחיים

א ווארט פון

# אונזערע רבי'ס

**זיקוקין דנורא, קורצע און בליציגע ווערטער פון רבוה״ק**

איבערן חוב און זכות פון שטיצן מוסדותינו הק'

## מצוה גוררת מצוה

איך וויל דא זאגן, איך בין דאך שוין אין דער ארבעט שוין א היבשע פאר יאר, כ'האב דאך נאך פריער אנגעהויבן אין ארץ ישראל ווי דאהי, פונדעסטוועגן לא מלאני לבי, כ'האב נאך ביז היצט נישט געוואלט מאכן עפעס דירעקט נאכאמאל (כאן בחו״ל מסיבה עבור החזקת הישיבה בא״י), ווייל איך ווייס דעם גרויסן לאסט פון די היגע ישיבה, דאס איז דאך טאקע וויכטיג און מ'איז מחויב, מען קען דאס נישט באקירצן, דאס זעט דאך יעדער דאהי דעם גרויסן געברויך, דאס ברויך איך דאך נישט זאגן, איז מיר אלץ שווער געווען מען זאל נאכאמאל מטריח זיין, איבערהויפט מען איז דאך באלאסטעט מיט אנדערע פארשידענע צדקות וואס מ'ברויך אלץ צוגעבן, ס'איז מיר שווער אנגעקומען היצטערט צו מאכן עקסטער נאכאמאל, היצט פאר איך וויל פארן (לא״י).

**ס'האט אבער שוין צוגעדריקט, דער געברויך איז זייער גרויס, יעדן חודש שווערע אלפים, דעם דעפעציט יעדן חודש וואס מען דארף שיקן, און מען ווייסט דאך פון דרויסן ווי אזוי מען זעט אויס היינט, אינדרויסן האט מען אונז נישט ליב, מען מוז אלץ נאר אנקומען צו די אידן, צו די היימישע אידן, וואס זאל מען טון, ווארן מען קען נישט שטעקן בלייבן**... און דאס אלעס אויפצוהאלטן, איך דארף נישט אויסצורעכענען, דער עולם פארשטייט, די ישיבות מיט די תלמוד תורות פארשידענע, די ישיבה מיט די מוסדות און פארשידענע זאכן, עכ״פ דער צורך איז מרובה, **און ווער ס'וויל געבן איז מצוה גוררת מצוה.**

ס'איז מיר שווער אנגעקומען, כ'האב אבער א קוק געגעבן איך מוז עס דאך מאכן, איך האף, איך מיין נישט חלילה אנדערע זאכן צו באקירצן, **נאר דער אייבערשטער זאל העלפן אידן זאלן האבן שפע ברכה מען זאל קאנען געבן וואס אמאל מער**... זאג איך א הקדמה: מען זאל חלילה נישט באקירצן דאס וואס מען ברויך דאהי, פון דעם איז נישטא וואס צו רעדן, **נאר וואס דען מצוה גוררת מצוה, אין דעם זכות וועט מען קאנען ווייטער געבן.**

(רבינו הדברי יואל זי״ע, יום ג' בהר שנת תשי״ט במסיבה להחזקת מוסדות יטב לב)



כ"ב

# ראשית ממלכתו

## עפיזאדן, שטריכן, היסטארישע געשעענישן, ארום דעם התייסדות פון מוסדות יטב לב דסאטמאר

פאָרוואָרט: ענדליך ביום ב' פרשת שמות, י"ט שבט תרצ"ה איז דעם רבי'נס קהלה אין ירושלים עיה"ק אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן, און מ'האָט מחליט געווען אַז דערווייל אָרגאַניזירט מען זיך אינעם ביהמ"ד וואו מען האָט שוין געדאַווענט פריער, אויף די זאָנענפעלד גאַס, וועלכע מ'האָט שוין געהאַט אָפּגעדינגען מיט עטליכע חדשים פריער. נאָך יענעם טאָג האָט מען אָפּגעשריבן די תקנות פונעם ביהמ"ד (ווי שוין געברענגט פאַרגאַנגענעם חודש) און מ'האָט אויפגענומען גבאים, טובים און חברי הנהלה וואָס זאָלן שטיין אין שפּיץ פונעם ביהמ"ד.

### צר מהכיל

שטייענדיג אַצינד אין די טעג נאָנט צו די יומא דהילולא רבה פון מרן רביה"ק זי"ע ווערט אַלץ אַרויפגעברענגט א מערקווערדיגן פונקט וואָס מ'האָט אַלץ געזען די געוואַלדיגע סייעתא דשמיא פון רבי'ן זי"ע, אַז תמיד האָט אים באַגלייט א מאַנגל אין פלאַץ. ווי נאָר מ'האָט זיך אַריינגעצויגן אין א נייעם בנין האָט מען שוין גלייך געדאַרפט אָנהייבן צו טראַכטן פון א פרישן מקום וואו זיך מסדר צו זיין, נאָכדעם וואָס נאָך א קורצע צייט איז דער בנין שוין געווען אויסגעוואַקסן און קליין. איז אינטערעסאַנט אַז טאַקע נאָך ביים סאַמען ערשטער בנין וואָס דער רבי זי"ע האָט אַליינס געלאָזט בויען, דער ביהמ"ד "אוהל רחל" אין ירושלים עיה"ק איז געווען די זעלבע זאַך, און שוין דאַן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן.

ווי עס האָט דערציילט הרה"ח ר' ברוך קליין ז"ל וועלכער האָט אַלע יאָרן געדינט אַלס משמש פונעם ביהמ"ד, זענען דאַן געווען אַסאַך וואָס האָבן נישט געגעבן קיין לאַנגען קיום פאַר'ן ביהמ"ד... ער דערציילט אַז פילע האָבן אים געזאָגט אַז מ'וועט נאָך דאַרפן שטיין אויף די גאַס צו זוכן מנין... אָבער ב"ה ס'האָט קיינמאָל נישט אויסגעפעלט, און זינט דאָס ערשטע מאָל וואָס דאָס ביהמ"ד איז געעפענט געוואָרן איז אַלץ געווען ברייט מנין.

ולא עוד, נאָך א קורצע צייט זינט דער ביהמ"ד איז געעפענט געוואָרן, איז עס שוין געווען צר מהכיל דעם גרויסן ציבור בליעה"ר, און תיכף ומיד האָט מען שוין געדאַרפט טראַכטן ווי אַזוי צו פאַרברייטערן דעם ביהמ"ד.

נאך א קורצע צייט ווען די נייע הנהלה האט געזען אז דאס פלאץ איז צו ענג און ס'איז נישט מעגליך אזוי פארצוזעצן ווען א חלק פון די מתפללים דארפן שטיין אינדרויסן, האבן זיי מחליט געווען אפצודינגען נאך צוויי צימערן אין די געביידע פארן פרייז פון "דרייסיג לעי" א יאר. מ'האט אויפגעבראכן די צוויי נייע צימערן און אזוי איז דער ביהמ"ד געווארן אביסל גרעסער צו קענען



פלאצירן דעם גאנצן ציבור.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז שוין אינעם צווייטן פּראָטאָקאָל וואָס איז פאַרבליבן פון יענע יאָרן, די פּרטים פון די צווייטע אסיפה וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן צווישן די חברי הנהלה און טובי הקהלה, איז מען דן איבער דעם מאַנגל אין פלאַץ, און עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס אפצודינגען נאך צוויי צימערן כדי צו קענען פארגרעסערן דעם בימה"ד. מיר ציטירן דא דעם נוסח פונעם פראטאקאל:

פרטי כל מספר ב'. באור ליום ד' בדר"ח אד"ש (ב' דראש חודש אדר שני) תרצ"ה הי' אסיפת זט"ה לדון ע"ד שכירת מקום לביהמ"ד על שנה הבע"ל - מן ר"ח ניסן. והוחלט לשכור הב' חדרים שכנגד ביהמ"ד העכשיו בעד שלשים לא"י לשנה. ואם גם שבע"ב הערבי מסרב להשכיר הב' חדרים האלו עבור ביהמ"ד, כ"א ביחד עם שאר החדרים שבשכונת הב' חדרים שיעדנו לבהמ"ד, לזה הוסכם אצלנו שעל החדרים שבשכונותינו נקבל עלינו להמציא השוכרים.

כן גם הועבר בקורת (איבערזיכט) על חשבון קופת הקהל מן תחלת התיסדות בית מדרשינו ע"א, ונמצא הכל בדיוק על נכון. ההכנסות היו: 5440, ההוצאות 4454, כסף מזומן בקופת הקהל 0986. דערויף זענען גע'חתמ'ט די גבאים און די טובים פונעם ביהמ"ד, יחיאל קליין, שמעון גאטפריד, חיים שמואל זיכערמאן.

(אין אידיש: מאָנטאָג ב' דר"ח אדר שני איז געווען אַן אסיפה פון די טובי הקהלה, דן צו זיין איבער דאָס אפדינגען א נייעם פלאַץ פאַר'ן ביהמ"ד אויף קומענדיגן יאָר פון ראש חודש ניסן און ווייטער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אפצודינגען די צוויי צוויי צימערן נעבן איצטיגן ביהמ"ד פאַר דרייסיג לעי א יאָר. אויב דער אַראַבישער אייגענטומער פון דעם הויז איז נישט מסכים צו פאַרדינגען די צוויי צימערן פאַר'ן ביהמ"ד נאָר צוזאַמען מיט די אַנדערע צימערן וואָס געפונען זיך נעבן די צוויי צימערן וואָס מיר ווילן פאַר'ן ביהמ"ד, איז באַשלאָסן געוואָרן אַז אין אַזאַ פאַל וועלן מיר נעמען אויף זיך צו טרעפן אַנדערע וואָס זאָלן אפדינגען אויך די אַנדערע צימערן.

עס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן איבערזוכט אויפ'ן חשבון פון די קופת הקהלה, און אַלעס שטימט פּונקטליך וכו'.)

### דעם רבי'נס התרגשות

דער נייער ביהמ"ד אין ירושלים עיה"ק האָט ביים

רבי'ן זי"ע ארויסגערופן א זעלטענע שמחה און התלהבות. אין א בריוו וואס א חשוב'ער תלמיד פון רבי'ן זי"ע הרה"ח ר' ליפא קאהן ז"ל האט געשריבן יענעם זומער תרצ"ה צו הרה"ח ר' הערש פנחס הכהן מאשקאוויטש ז"ל דערציילט אים ר' ליפא ז"ל, אז ביום ל"ג בעומר ווען דער רבי זי"ע האט געפראוועט דעם שולחן הטהור לכבוד היום בבית מדרשו אין סאטמאר, האט דער רבי זי"ע זיך פלוצים אנגערופן מיט א געוואלדיגע קורת רוח און הנאה "ב"ה עס זיצן צען אידן אין מיין ביהמ"ד אין ירושלים וואס הערש פנחס האט אהערגעשטעלט, און פראווען די סעודת הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי".

ווי שוין דערמאנט, איז נאך עטליכע חדשים נאכן התייסדות הביהמ"ד אנגעקומען דער מכתב קודש פון רבי'ן זי"ע אין וועלכע ער וואונטשט א ווארימער ברכת מזל טוב פאר די מתפללים.

דער פראטאקאל מספר ח' ליינט זיך ווי פאלגענד:

**באור ליום ב' ז' תמוז תרצ"ה הוכרז מטעם המנהלים אסיפה כללית לרגלי קבלתינו מכתב ארוך ותוכו רצוף ברכת "מזל טוב" לרגלי התייסדות בית מדרשינו מכ"ק אדמו"ר שליט"א הנקרא לאזני כל הקהל ברגש שמחה.**

(זונטאָג נאַכט, ז' תמוז תרצ"ה איז פאַררופען געוואָרן דורך די מנהלים אַן אסיפה כללית צו די געלעגנהייט וואָס מיר האָבן באַקומען פון כ"ק אדמו"ר שליט"א (זי"ע) א לאַנגען בריוו אין וועלכן עס איז בייגעלייגט א ברכת "מזל טוב" צום גרינדונג פונעם ביהמ"ד. דער בריוו איז פאָרגעליינט געוואָרן פאַר'ן גאַנצן ציבור מיט א רגש של שמחה.)

## התמנות פון גבאים און חברי הנהלה

צווישן די אָנגענומענע איינפירן אינעם ביהמ"ד איז געווען, אַז יעדעס יאָר ביום כ"ט שבט אינעם יומא דהילולא פון מרן הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע פלעגט פארקומען וואַלן פאַר אַלע שטעלעס אינעם ביהמ"ד. צומאָל האָט מען אויך דורכגעפירט וואַלן אין אַנדערע זמנים פון יאָר, לויט ווי עס האָט זיך אויסגעפעלט. עס איז אָבער מערקווערדיג, אַז עפ"י רוב האָט זיך אַלעס געדרייט אַרום די זעלבע עטליכע מענטשן וועלכע זענען כסדר אויסגעקליבן געוואָרן אַלס טובים און גבאים, וואָס אַלע זענען געווען געהויבענע פערזענליכקייטן, אנשים מורמים מעם, ווי עס וועט נאָך אי"ה שפעטער אויסקומען צו שרייבן.

ז

## המשך זכר חסידים לברכה

מיר האַלטן אינמיטן באַשרייבן דעם חשוב'ן איש חסיד ר' רפאל פריינד ז"ל וועלכער איז געווען פון די וואָס האָבן געהאַט די זכי' אויסצופירן דעם געוואַלדיגן השתוקקות וואָס דער רבי זי"ע האָט געהאַט, אויפצושטעלן אין ירושלים עיה"ק אַן אייגן ווינקל, דעם ביהמ"ד "אוהל רחל" מיט וועלכן דער רבי זי"ע האָט געשטעלט דעם אבן היסוד פאַר די היינט-פאַרצווייגטע קהלות און מוסדות פון רבי'ן זי"ע על אדמת ארה"ק.

נאך א מורא'דיגע מעשה וואס ר' רפאל ז"ל פלעגט דערציילן, און מיר ברענגן דאס בשלימות ווי אזוי ר' רפאל ז"ל האט דאס דערציילט. די תושבים פון די שטאט בעקעטש-טשאבא האבן געהאַט איינגעלאַדענט הגה"ק רבינו בעל קדושת יום טוב זי"ע אז ער זאל קומען צו זיי אויף א שבת. אבער דער קדושת יום טוב זי"ע האט זיי כסדר מדחה געווען. איינמאל האבן זיי אים זייער שטארק געבעטן אז ער זאל קומען, און זיי האבן אים שטארק צוגעדרוקט צו די וואנט. האט דער קדושת יום טוב זי"ע זיי געזאגט דעם אמת, אז דער טאטע הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע איז געווען ביי אים, און ער האט אים אָנגעזאָגט אז ער זאל נישט גיין.

האבן זיי דאך געזען אז זיי האבן נישט וואס צו ערווארטען אז דער קדושת יום טוב זאל קומען. האבן זיי איינגעלאדענט דעם ברודער פונעם קדושת יום טוב, הגה"ק רבי משה יוסף טייטלבוים זצ"ל אבד"ק אוהעל, אז ער זאל קומען צו זיי אויף שבת, און דער אוהעלער רב האט אנגענומען די איינלאדענונג. כידוע איז האַרט פאַר שבת אָנגעקומען א טעלעגראַם פון הגה"ק בעל דברי יחזקאל משינאָווא זי"ע צו זיין פלומעניק דער אוהעלער רב (חתן אחיו הגה"ק רבי דוד מקשאנוב זצ"ל) מיט א באַפעל אַז ער זאָל שבת נישט האַלטן קיין דרשה. זייענדיג באַקאַנט אַלס זעלטענער בעל דרשן און מורא'דיגער מעורר בדבריו היוצאים מן הלב, האָבן דעריבער די תושבים אין בעקעטש-טשאַבא נישט געוואָלט פאַרפאַסן די געלעגנהייט צו הערן די דרשות נפלאות פונעם אוהעלער רב זצ"ל, האבן זיי אים נישט איבערגעגעבן דעם טעלעגראם. שבת האט ער טאַקע געהאַלטן א דרשה. אינמיטן די דרשה איז ער ל"ע אַוועקגעפאַלן און איז באַלד נישט געווען בין החיים ל"ע. דאָס איז געווען ביום כ"ד טבת שנת תרנ"ז.

ווי באַקאַנט האָט מען אים געפירט למנוחה קיין אוהעל, אבער דארט האבן די נעלאגן שוין געהאט באקומען שליטה אויפן ביה"ח, און עס איז א לענגערע צייט אנגעגאנגען פארהאנדלונגען וואו מען זאל אים באהאלטן, ביז זיין ברודער הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע האט באפוילן אז מען זאל אים ברענגן קיין סיגוט.

ביז אַהער איז די מעשה באַקאַנט, אָבער ר' רפאל ז"ל האָט צוגעלייגט א חלק מעשה וואָס איז נישט אַזוי באַקאַנט, און ער האָט דאָס אַליינס בייגעוואוינט. ר' רפאל ז"ל איז דערביי געווען ווען מען האט אויפגעגראבן דעם קבר פון רבי משה יוסף זצ"ל, און בטעות האָט זיך געמאכט אז א שטיקל פונעם ארון הקודש פונעם ייטב לב זי"ע האט זיך אפגעבראכן. ר' רפאל ז"ל צוזאמען מיט זיין פאטער ר' משה ארי' זענען דארט געשטאנען, און זיי האבן געהאט די זכי' צו זען ווי דער גוף קדוש פונעם ייטב לב זי"ע איז נאך געווען "גאנץ" ורמה לא שלטה בו! דאס איז שוין געווען בערך פופצן יאר נאך זיין הסתלקות, און ער איז נאך געווען שלם בגופו געני ווי ביום פטירתו!

פארשטייט זיך אז זיי האבן זיך גוט דערשראָקן, און זענען געבליבן פאַרגליווערט זעענדיג וואָס עס האָט פאַסירט. זיי האבן מורא געהאט פון די הקפדה פונעם צדיק, און ר' משה ארי' איז גלייך געלאפן צום קדושת יום טוב זי"ע דערציילן וואס דא איז געווען. האט דער קדושת יום טוב זי"ע בארואיגט ר' משה ארי'ן זאגענדיג "דער טאטע איז דיר געווען א נאנטער פריינד בחייו, וועט דיר איצט אויך גארנישט פאסירן" וכך הוה.

בשנת תרצ"ד איז ר' רפאל ז"ל אַרויף קיין ארץ ישראל זיך משלים צו זיין בתורה ועבודה. ווי שוין דערמאַנט אין פריערדיגן אַרטיקל האָט דער רבי זי"ע מיטגעשיקט מיט ר' רפאל א בריוו אין וועלכן ער איז אים ממנה אַז ער זאָל מפשר זיין צווישן די צדדים ביים געשאַפענעם סכסוך וואָס האָט אויסגעבראָכן ביים בויען דעם נייעם ביהמ"ד, און ווי דער רבי שרייבט אינעם בריוו וואָס ר' רפאל ז"ל האָט מיטגעברענגט מיט זיך "ועתה כי הקרה ה' לפני את מוכ"ז... וכבוד ידידי החסיד הנגיד מוה"ר רפאל פריינד נ"י ומסרתי בפיהם דברים אחדים הנחוצים לישא וליתן עם כל אחד ואחד..."

ר' רפאל האָט נישט צופיל געקענט אויפטון אין דעם סכסוך, און ער איז שפעטער געווען פון די מייסדים פון רבי'נס נייע ביהמ"ד איבער וועלכע מיר האָבן געשריבן אין די פריערדיגע חדשים. ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס ערשטער גבאי פונעם ביהמ"ד, און ער איז געווען שטאַרק אַקטיוו אין אַלע ענינים פונעם ביהמ"ד.

ר' רפאל ז"ל איז געווען א געוואַלדיגער אדם היקר באנשים, מצא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואנשים. שטענדיג האָט ער געהאַט א שמייכל אויפ'ן פנים, און אַלץ איז ער געווען אויפגעלייגט און מונטער. ער איז נפטר געוואָרן כ"ב סיון תש"ב, און ער ליגט באַהאַלטן אויפ'ן הר הזיתים.

פון ר' רפאל ז"ל איז געבליבן א שיין חסידיש דור. זיין זון איז געווען הרה"ח ר' פנחס פריינד ז"ל וועלכער האָט געהאַט פיר חשוב'ע קינדער אַלע מותיקי חסידי סאַטמאַר דאָהי אין ניו יאָרק, ה"ה: הרה"ח ר' מרדכי לייב פריינד ז"ל מחשובי זקני תושבי קרית יואל, הרה"ח ר' יושע ז"ל פון באָראָ פאַרק, הרה"ח ר' אלחנן ז"ל פון סיגעיט און הרה"ח ר' חנני' יום טוב ליפא ז"ל פון באָראָ פאַרק (מ'האָט אויף זיי געזאָגט א פאַסיגן סימן מיט'ן ווארט "אחי"ם" וואָס איז ר"ת א'לחנן, ח'נני' יו"ט ליפא, י'ושע און מ'רדכי יודא). זיי אַלע פיר ליגן צוזאמען באַהאַלטן איינס נעבן אַנדערן אויפ'ן ביה"ח דקהלתינו הק' אין קרית יואל, און פון זיי ציט זיך הערליכע חסידישע דורות אַלע מחשובי אנ"ש אין ניו יאָרק.

יהא זכרו ברוך.

# בטוב ירושלים

נייעסן און אנטוויקלונגען פון אונזערע ירושלים'ער מוסדות

## הכנות צום דינער

הכונו הכונו!!! אנ"ש אין ירושלים גרייטן זיך אין די טעג צום יערליכן מגבית לטובת המוסדות, וואָס וועט ווי יאָר-יערלך אָפּגעראָכטן ביים "דינער השנתי" לטובת המוסדות, צוזאַמען מיט די סעודת הילולא פון הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע ביום ו' אלול. די הנהלת המוסדות איז ארויסגעקומען מיט האַרציגן רוף צו אנ"ש אַז מען זאָל זיך אונטערגארטלען מיט גרויסע כוחות אָפּצוראַטעווען די מוסדות וואס ראַנגלען זיך איצט מיט א שווערן מצב הגשמי. דער היי-יעריגער מגבית איז ספעציעל געווידמעט אויף צו קענען אויסצאלן די חובות וואס הנהלת המוסדות איז שולדיג פאר די געטרייע כלי קודש פון די מוסדות.

## א"ב סיום אפגעראכטן

די קינדער פון "כתה מכינה" (פרי כתה א') האבן שוין ב"ה פאַרענדיגט צו לערנען דעם גאַנצן סדר הא"ב מיט די נקודות, וואס איז א שטארקער יסוד אויף די ווייטערדיגע לימודים פון עברי, דאַווענען, לערנען וכו'. לכבוד דעם געהויבענעם מאָמענט איז פארגעקומען א "מסיבת סיום" ביי וועלכן די קינדער זענען געווען אנגעטון מיט בגדי שבת און קרוינען אויפן קאָפּ. די קינדער האָבן באַקומען ממתקים, און האָבן גייסטרייך פאַרברענגט מיט האַרציגע נגינה, אָנגעפירט דורכ'ן געטרייער מלמד הר"ר יואל הכהן בינדער הי"ו.

## על טבילת כלים

פאַרגאַנגענעם פרשת מטות, ווען מען לערנט אין די סדרה די מצוה פון "טבילת כלים" זענען די קינדער פון די יונגערע כתות אין די תלמוד תורה אַריבער צום דערנעבנדיגן בנין פון די תלמוד תורה, דער בנין בית מדרשינו "ברך משה" וואו די קינדער זענען אַראָפּ צו די מקוה, און די מלמדים האָבן געצייגט ווי אַזוי מ'טובל'ט כלים, כדי שיהיו רגילים ומכירים בטהרת כלים...

## א ישועה אויפן פלאץ

עס איז שוין א געוועגליכע ערשיינונג אז אנ"ש פון חו"ל וועלכע ויילן צוגאַסט דאָהי אין ירושלים עיה"ק, פארפאסן נישט די געלעגנהייט אַריבערצוקומען באַזוכן די מוסדות, זיך אַליינס איבערצוצייגן דעם הערליכן בליה און וואוקס בליעה"ר. אַזוי אַז אַזאַ באַזוך רופט געוועגליך נישט אַרויס קיין עקסטערע אויפמערקזאַמקייט... דאס מאל איז אבער יא אנדערש געווען.

א חשוב'ער איד מאנ"ש אין וויליאַמסבורג, איז ארויפגעקומען באַזוכן די תלמוד תורה. אזוי ארומגייענדיג צווישן די כתות איז ער זייער שטארק באגייסטערט געווארן פונעם קול התורה ותפילה וואס איז בוקע שחקים, און צוליב גרויס התרגשות האט דער איד באלד ארויסגענומען פון טאַש א גרויסע סומע געלט, און דאס איבערגעבן פארן מנהל המוסדות, דערמיט אַרויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות יטב לב אין ירושלים. דערביי האָט דער איד נאך צוגעלייגט אז היות ער פירט אָן א גרויסע גמ"ח אין וויליאמסבורג, וועט ער בל"נ מסדר זיין א גרעסערע הלואה פאר די ירושלים'ער מוסדות כדי גרינגער צו מאכן די עול החובות.

גלייכצייטיג האָט דער איד צוגעלייגט א בקשה, אַז די קינדער זאָלן מתפלל זיין ער זאל מצליח זיין אין זיינע געשעפטן, וואָס די קינדער האָבן טאַקע תיכף געטון.

פארנאכט'ס קומט דער איד אריין אין ביהמ"ד און לויפט צו צו דעם מלמד פון די כתה וואס האט מתפלל געווען להצלחתו, און דערציילט אים דברים כהוויתן: "איך פיר שוין יארן אַן מיט א געשעפט אין וויליאמסבורג, אבער וויפיל ער האָט שוין פּרובירט אַריינצוברענגן סחורה פון א געוויסע פירמע, האָט ער נישט מצליח געווען דערמיט. צוליב אַן אומפאַרשטענדליכע סיבה האָט די פירמע בשום אופן נישט געוואלט דערליווערן צו אים זייער סחורה, יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערע אויסרייד. די קונדן אינעם געשעפט זוכן דייקא די סאָרט סחורה וואָס יענע פירמע פראצעדורט, און איך האָב אַלץ פּראָבירט צו בעטן די פירמע אַז זיי זאָלן שיקן די סחורה, והעליתי חרס בידי...

דערציילט דער איד ווייטער מיט באַגייסטערונג: מיט א שעה צוריק קלינגט מיך אן דער מענעדשער פונעם געשעפט, און ער דערציילט מיר אַז "פּונקט" היינט איז אָנגעקומען א ארדער פון די פירמע, אָן קיין שום מעלדונג פון פאָראויס אַז זיי גייען מיר דאָס שיקן!

דער איד זאָגט פאַר'ן מלמד: "איך זעה נישט קיין שום סיבה בדרך הטבע פארוואס האבן זיי יעצט זיך באוויליגט צו שיקן די סחורה, נאר אז לויטן חשבון קומט אויס אַז בשעת ווען די קינדער'לעך האבן מתפלל געווען היינט אין חדר, האט די פירמע אין די זעלבע צייט מסדר געווען זייערע ארדערס...

# ומציון יסעדך

נייעסן און אנטוויקלונגען פון אונזערע בני ברק'ער מוסדות

## קינד געראַטעוועט נאָך צוויי שעה אין גרוב

אנ"ש אין בני ברק האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט נאָכדעם וואָס א גרויסע טראַגעדיע איז ב"ה פאַרמיטן געוואָרן בעוד מועד.

געווען איז דאָס מיט עטליכע וואָכן צוריק, ווען א קינד פון א פרעמדע משפּחה, האָט אַהיימקומענדיג פון חדר בטעות אַריינגעוואַנדערט אין שיכון קרית יואל אין בני ברק, און איז אינצווישן אַריין אינעם גרויסן שטח, וואו מ'האָט מיט עטליכע יאָר צוריק אָנגעהויבן בויען דירות פאַר אנ"ש. ווי באַקאַנט האָבן פילע אנ"ש אין בני ברק, שוין דאָרט אינוועסטירט גרויסע געלטער, אָבער לײדער ווערט די בוי-אַרבעט דערווייל צוריקגעהאַלטן, נאָכדעם וואָס די אנשי דלא מעלי האָבן אין א בחינה פון "גם לי גם לך לא יהי'" ארויסגענומען - אָן קיין שום היתר בי"ד - א עיכול בערכאותיהם נישט צו לאָזן ווייטער בויען, טראָץ וואָס די קאָנסקווענצן דערפון ליידן בעיקר די אנ"ש וואָס האָבן דאָרט איינגעצאָלט גרויסע געלטער. אפילו ווען עס וועט שוין צוריק-קומען די ערלויבעניש צו בויען, איז דאָס א פסידה דלא הדר פאַר די פילע אנ"ש וואָס שטייען שוין אַזויפיל יאָרן אָן קיין פאַרדינסט אויף ערליך אפגעהאראוועטע געלטער.

דער שטח איז למעשה שוין אויפגעגראָבן, און עס ווארט נאָר אַז מ'זאָל דאָרט גיסן דעם פונדאָמענט און אַרויפציען די שטאָקן. דערווייל שטייט עס פּוסט און ליידיג, און דאָס פרעמד קינד וואָס האָט דאָרט אריינגעוואדערט איז בלא יודעים ל"ע אַריינגעפאַלן אינעם טיפן גרוב, אָן קיין מעגליכקייט זיך אַרויסצוזען פונעם זומפּ אין וועלכן ער איז ל"ע אריינגפאלן. צוויי שעה צייט האָט דאָס קינד געשריגן מיט באַנומענע קולות, אָבער זייענדיג א ליידיגער שטח האָט קיינער אים נישט געהערט שרייען, און א שוידער כאַפּט צו טראַכטן וואָס עס וואָלט געקענט פּאַסירן. בחסדי שמים מרובים האָט א משפּחה פונדערווייטענס וואָס וואוינט אויף א הויכע שטאָק, באַמערקט וואָס עס גייט פּאַר. די משפּחה האָט זיך גלייך פאַרבינדן מיט די ראשי קהלתינו הק' שיחיו, און א העלדישער עסקן איז מיט מסירת נפש אַריינגעשפּרונגן אין גרוב אַריין, אַרויסצוראַטעווען דאָס קינד.

חסדי ה' כי לא תמנו.

## וועכענטליכע באָטעס אין ישיבה גדולה

די בחורי חמד תלמידי ישיבה גדולה מהרי"ט זענען מדי שבת בשבתו זיך מתענג מנועם זיו קדושת השבת ביי די גאָר געהויבענע "באָטעס" וואָס ווערן געפּראַוועט מדי שבת בשבתו בהיכל ישבתינו הק'. מיט עטליכע וואָכן צוריק איז איינגעשטעלט געוואָרן דער איינפיר, אַז יעדע וואָך ווערט איינגעלאַדענט אַן אַנדערער תלמיד חכם אָדער אנגעזעענער מענטש מבני קהלתינו ומלומדי כוללינו עצי חיים, וועלכער פּראַוועט דעם באָטע מיט די בחורים, וואָס דער ריווח דערפון איז א פילפאַכיגער. די בחורי חמד באַקומען א קשר מיט חשוב'ע תלמידי חכמים, און די חשוב'ע תלמידי חכמים באַקומען א געלעגנהייט אַרויסצוגעבן זייערע כשרונות אויף אַזאַ געהויבענעם פאַרנעם.

## תלמידות פאָרן אַרויס אין קעמפּ

אין אַמעריקע איז עס וואַרשיינליך נישט קיין נייעס, אָבער אין בני ברק איז דאָס א גרויסע דערגרייכונג, אַז אויך היי-יאָר זענען די תלמידות אַרויסגעפאָרן אין "קעמפּ" אַריין אויף עטליכע טעג, זייענדיג אין די צייט וואָס ווי אין אַלע מיידל שולעס אין ארה"ק האָבן די תלמידות איצט בכלל נישט קיין שולע אין די זומער וואָכן. עס איז אָפּגעדינגען געוואָרן א גרויסע קעמפּ אין א ישוב נעבן פּתח תקוה, וואו די אַריבער צוויי-הונדערט תלמידות פון די הויך-שולע קלאַסן וועלן עטליכע טעג פאַרברענגען אין א גייסטרייכע אַטמאָספערע, און הערן דרשות און שיעורים פון באַרימטע רביצינס און מחנכות תליט"א.

פאַר די תלמידות זענען אַרויסגעפאָרן, זענען עטליכע אינגעלייט מאנ"ש וואָס דינט אַלס משגיחים ביים בני ברק'ער רב הגאון רב לאָנדאָ שליט"א, אַרויסגעפאָרן כשר'ן די קיך, זיכער צו מאַכן אַז די מאכלים זענען אויפ'ן העכסטן סטאַנדאַרט פון זהירות אין כשרות.

## עמוד התווך

פעולות און אקטיוויטעטן אין אויסלאנד למען קיום המוסדות

### שטיצע ערוואַרטעט אַרום יום ההילולא

ווען די שורות וועלן געליינט ווערן, וועלן וואַרשיינליך אנ"ש האַלטן שוין נאָכ'ן מתפּלל זיין אויפ'ן ציון הק' פון מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע ביומא דהילולא רבה כ"ו אב וואָס איז געפאַלט אויס היינטיגן פרייטאָג, ערש"ק מברכין החודש אלול.

ביי די עסקנים פון מוסדות יטב לב איז מען שוין א לענגערע צייט פאַרנומען מיט די הילולא קדישא, זייענדיג איינס פון די וויכטיגסטע טעג אין יאָר פאַר די הייליגע מוסדות. רבבות אלפי ישראל וואָס שטראָמען פון נאָנט און ווייט זיך שופך שיח צו זיין ביים ציון הק', ווייסן אַז כדי די תפלות זאָלן עושה רושם זיין, איז די פּאַסיגסטע זאַך מקדים צו זיין צדקה לתפלה, דורכ'ן שטיצן די הייליגע מוסדות "יטב לב" וואָס איז דעם רבי'ן בעל ההילולא זי"ע אַזוי שטאַרק געגאַנגען בנפשו. מיט דעם ווערט אויפגעוואַקסן פון קינדווייז אָן אַז מוסדות יטב לב איז ביים רבי'ן זי"ע געווען די "ערשטע און הייליגסטע צדקה" און אידן וואָס גייען בדרכיו הק' ווייסן אַז מוסדות יטב לב דאַרף מען מקדים זיין פאַר סיי וועלכע אַנדערע צדקה וואָס איז נאָר דאָ.

אַזוי אַרום איז ביי אלפי אנ"ש איינגעקריצט אין זכרון, אַז "כ"ו אב" גייט סינאָנים מיט "מוסדות יטב לב" און כדי צו קענען אָפּנעמען די נדבות פון אַזאַ מאַסיווער ציבור, איז צוגעשטעלט געוואָרן א גרעסערער שטאַב מיט עסקנים, אברכים ובחורי חמד וואָס האָבן העפטיג געאַרבעט איבערצונעמען נדבת לבם הטוב פון די טויזנטער משתטחים ביים ציון הק'.

### פּרחי העסקנים אין וויליאַמסבורג פאַרברייטערט

קנאת סופרי"ם תרבה חכמה, און צווישן די יונגע תשב"ר פון אונזערע הייליגע מוסדות אומעטום, הערשט א געוואַלדיגע השתקקות צו קענען זיין א טייל פונעם "לגיון של יטב לב" פון די הונדערטער "פּרחי העסקנים" וואָס גייען אַרום יעדן ערש"ק ויו"ט מיט די יטב לב זעקלעך, ביי די הייזער פון אַרומיגע שכנים. אין וויליאַמסבורג זעט זיך ספּעציעל אָן דער שטאַרקער ווילן פון פילע קינדער וואָס ווילן זיך אָנשליסן אַלס פּרחי העסקנים, און כדי צו קענען באַגלייטן דעם פּראָיעקט, איז אויפגענומען געוואָרן דער חשוב'ער מלמד מומחה הרה"ח הרב ר' יואל טויב שליט"א אַלס עסקן וואָס זאָל באַגלייטן דעם פּראָיעקט פון דער נאָנט, און זען אַז אַלעס זאָל זיין מסודר על צד היותר טוב.

### לוח לשנת תשע"ב ערשיינט אויף כ"ו אב

אין די טעג איז שוין ערשינען דער פּראַקטישער "לוח השנתי" לשנת תשע"ב וואָס ווערט ערצייגט דורך מוסדותינו הק', אַלס געשאַנק פון הכרת הטוב פאַר די חשוב'ע תומכי המוסדות פון אומעטום. דער לוח ערשיינט ספּעציעל אין א קליינעם באַקוועמער פאַרמאַט, וועלכע געט די מעגליכקייט צו האַלטן די לוח אין וועסטל-קעשענע, און זיך כסדר באַנוצן דערמיט לעת הצורך. גלייכצייטיג דינט דער לוח אַלס פּאַסיגער דערמאַנונג, אַז גאַנצע 12 חדשים נאָכאַנאַנד, דאַרפן די היזיגע חברי הנהלה שאַפן די פאַנטאַסטישע סומע פון $130,000 יעדן חודש באַזונדער, ווי אויך אַז סיי ווען אימער איבערן יאָר קען מען זיך באַנוצן מיט די סגולה בדוקה ומנוסה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס".

די אָפּיס-מיטאַרבעטער האָבן דאָס יאָר ווייטער אַריינגעלייגט גרויסע כוחות אַז דער לוח זאָל זיין פּראַקטיש, צוגענגליך און באַקוועם. דער לוח איז שוין פאַרטיילט געוואָרן פאַר די טויזנטער משתטחים אויפ'ן ציון הק' ביום כ"ו אב, און וועט אי"ה ווייטער פאַרטיילט ווערן אין די קומענדיגע וואָכן.

## המשך ראשית ממלכתו

ה

אינעם פריערדיגן פּראָטאָקאָל פון ז' תמוז תרצ"ה טרעפט מען ווי פאָלגענד:

**וסדרו בחירה חדשה. לגבאים נבחרו מו"ה רפאל פריינד, מו"ה יחיאל קליין, לסוכן מו"ה מאיר מנחם ווידער, ולמזכיר מו"ה צבי פנחס מאשקאוויטש, לג' טובים להשלים לזט"ה מו"ה שמשון גוטפריעד, מו"ה חיים שמואל זיכערמאן ומו"ה מרדכי יצחק סאמעט, והחליטו להשיב תשובה מאהבה לכ"ק אדמו"ר מרן שליט"א על הברכת מזל טוב.**

**רפאול פריינד, צבי פנחס כ"ץ מאשקאוויטש, מרדכי יצחק סאמעט, מאיר מנחם ווידער.**

אינעם פראטאקאל מספר ז' ליינט זיך ווי פאלגענד:

"פרטי כל מספר ז' אור ליום ה' כ"ה למב"י [תרצ"ה] התאספו לבחינה חברי בית מדרשינו, הופיעו: ר' ראובן האאז, ר' צבי פנחס מאשקאוויטש, ר' מרדכי יצחק סמט, ר' ברוך אשכנזי, ר' ישראל מנחם שווארץ, ר' יודא גרינפעלד, ר' נחום ליב ויזר, ר' משה סאלפטר, ר' ניסן פרידמאן, ר' יצחק דוב העלער, ר' יחיאל קליין, ר' שמשון גופריד, ר' אברהם גראס, ר' אליעזר וידער, ר' שלמה הערשקאוויטש, ר' שמואל קעניגסבערג, ר' משה באטערער, ר' צבי בלוי, ר' אליעזר מענדל ליפשיץ, ר' אלכסנדר ... ר' ראובן האאז פותח את האסיפה, ומציע לקצר את הבחירות, ולהאשיר את הנבחרים הקודמים על מקומם, מכיון שהוא נוסע לחוץ לארץ יבחרו במקומו גבאי אחד, והוא מציע את ר' יחיאל קליין לבחור במקומו לגבאי, ועל מקומו של ר' יחיאל לחברי הועד זט"ה הוא מציע לבחור בר' מרדכי יצחק סאמעט, האסיפה קיבל את הצעתו של ר' ראובן האאז פה אחד, והוחלט ונבחר לגבאי ר' יחיאל קליין, ולחברי הועד זט"ה ר' מרדכי יצחק סאמעט.

**ביום א' ב' מרחשון תרצ"ז נקרא אסיפת זט"ה והופיעו מ' ראובן האאז, מ' ברוך אשכנזי, מ' משה סאלפעטער, מ' מרדכי יצחק סאמעט, ומ' צבי פינחס מאשקאוויטש, ונו"נ ע"ד שמ' יחיאל קליין נ"י התפטר עצמו מהגבאות והחליטו לבקשו עוה"פ לחזור למשמרתו ובינתיים הגיע להישיבה, ולא אבה לשוב למשמרתו ונתקבל התפטרותו, ובמקומו בתור גבאי זמני יעדו הזט"ה את מ' דוד אייזענבערגער נ"י. כן אשרו תשלום חודש תשרי להמשמש מ' ברוך קליין נ"י סך ששים גרוש, אם גם שבפריפט כל מס' כ' קבעו לו סך שמונים גרוש, אך בהתחשב עם המצב ועל יסוד מכתבו של המשמש שפנה עצמו להזט"ה שהנהו שבע רצון בסך ששים גרוש החליט ככה.**

**ברוך אשכנזי, משה סאלפעטער, צבי פינחס הק' מאשקאוויטש.**

## המשך בדידי הוה עובדא

ח

### מקנה געווען א דאָלאַר...

לכבוד הנהלת מוסדות יטב לב

אַרומגייענדיג נאָך געלט לטובת מוסדות יטב לב, טרעף איך לעצטענס א אינגערמאַן מיט וועמען איך בין אין גוטן, אָבער ער איז נישט מבני קהלתינו, און כ'האָב אים געבעטן געלט פאַר יטב לב. כ'האָב אים געזאָגט "ס'איז דעם רבי'נס מוסד, וואָס איז א חילוק וואָס פאַר א חסיד דו ביזט, דער מוסד איז זיכער הייליג".

דער אינגערמאַן האָט מיך אויסגעהערט, אָבער זיין תשובה האָט מיך צושוידערט. ער זאָגט מיר אַז אַלס ידיד וואָלט ער מיר שוין געגעבן, אָבער ער האָט פשוט נישט מיט וואָס דורכצושטופּן דעם טאָג. ער מוטשעט זיך זייער מיט פּרנסה, און ער האָט נישט קיין געלט צו געבן. בין הדברים דערציילט ער מיר, אַז ער האָט מיט א צייט צוריק אפלייעט צו באַקומען "סעקשאָן 8", ער האָפט עס צו באַקומען בקרוב, וואָס דאָס וועט אים זיין א גרויסער שטופּ, אָבער דערווייל שלעפּט זיך עס זייער, און ער ווייסט נישט ווען עס וועט שוין אַמאָל ערלעדיגט ווערן.

פרעג איך אים נאָכאַמאָל "יטב לב האָסטו שוין פּראָבירט?" איך דערצייל אים ווי אידן ווערן געהאָלפן דורך יטב לב, און עס וואָלט כדאי געווען אַז ער זאָל געבן א סכום געלט פאַר יטב לב, אַז דער סעקשאָן 8 פּראָצעדור זאָל זיך א ריר טון. מיט מיטלייד איז געשטיגן מיט מיין ידיד ווען ער זאָגט מיר "כ'האָב פשוט נישט קיין איבעריגן דאָלאַר וואָס אַריינצוואַרפן אין די פושקע". כ'האָב גלייך אַרויסגענומען א דאָלאַר פון טאַש, כ'האָב עס אים "מקנה" געווען אַז ער זאָל מיר דאָס קענען צוריקגעבן פאַר "מוסדות יטב לב" וואָס ער האָט טאַקע גלייך געטון.

עס גייט נישט דורך קיין צוויי וואכן, און דער אינגערמאַן קומט צו צו מיר מיט א פרייליך געזוכט. ער באַצאָלט מיר צוריק דעם דאָלאַר, און ער דערציילט מיר אַז פּונקט א טאָג שפּעטער איז די סעקשאָן 8 דורך, און ער איז ממש אויפגעראָכטן געוואָרן!

וואָס איך קען מעיד זיין, אַז זינט דאַן האָט זיין מצב זיך טאַקע שטאַרק פאַרבעסערט, און ער האָט מיר שוין עטליכע מאָל געגעבן שיינע סכומים פאַר מוסדות יטב לב.

זכותו הגדול פון רביה"ק זאָל ווייטער מגין זיין אויף אונז אַלע.

הלל מנשה מאַרמאָרשטיין

# בדידי הוה עובדא

בריוו פון ליינער

## אָנגעקומען אין ריכטיגן טאָג

לכבוד הנהלת מוסדות יטב לב שיחיו.

"ריעל עסטעיט איז אין דער ערד" הערט מען היינט פון יעדן וואָס האָט נאָר אַמאָל אָנגערירט די קלאַמקע פון די סאָרט געשעפטן. יעדער וואָס האט הייזער און פראפעטיס ווייסט אַז איצט איז נישט די צייט פון טראַכטן עס צו פאַרקויפן, ווייל עס איז פשוט נישט דאָ ווער עס זאָל עס אָפּקויפן...

איך זעלבסט בין אויך איבערצייגט אַז "ריעל עסטעט" איז היינט קיין ביזנעס, אָבער נאָך מער בין איך איבערצייגט אַז ווען מען נעמט "מוסדות יטב לב" אַלס א שותף איז ריעל-עסטעט שוין גאָר הויך...

געווען איז עס נאָך דאַן ווען ביזנעס איז נאָך געווען כמעשה, האָב איך מיר איינגעהאַנדעלט א הויז פאַר ביזנעס-צוועקן, מיט'ן פּלאַן עס שפּעטער ווייטער צו פאַרקויפן מיט שיינע פּראָפיטן. אינצווישן איז געשען וואָס עס איז געשען, און איך האָב מיך שטאַרק געמוטשעט עס צו פאַרקויפן. גוטע פריינד און עקספּערטן האָבן מיר אַלע געזאָגט אַז איצט איז נישט די צייט דערפאַר. יעדער האָט מיר געזאָגט אז אפילו איך וועל עס פאַרקויפן וועל איך אַרויסגיין מיט גרויסע שאָדענס, און טייל האָבן מיך אפילו גע'עצה'ט אַז איך זאָל עס לאָזן פארקלאזשן, וואָס דאָס איז בעסטע לעזונג אין אַזאַ פאַל.

אין א שיינעם טאָג קומט צו צו מיר הרה"ח ר' מאיר פערל הי"ו, און בעט פון מיר געלט פאַר "מוסדות יטב לב". דערצייל איך אים מיין דילעמע, יאָ פאַרקויפן נישט פאַרקויפן, און ווי איך ווייס נישט וואָס צו טון. ר' מאיר האָט נישט אויסגעקוקט צו איבערראַשט. זעט אויס אַז ער איז שוין צוגעוואוינט צו די זאַכן, און ער רופט זיך אָן צו מיר מיט קוראַזש, אויב זאָגסטו צו כך וכך פאַר "מוסדות יטב לב" וועסטו עס אי"ה קענען פאַרקויפן ביז א קורצע צייט.

איך האָב אים פאַרשפּראָכן אַז אויב ביז צוויי חדשים איז דאָס הויז פאַרקויפט באַקומט ער פון מיר א סכום עשרת אלפים פאַר מוסדות יטב לב. אויפ'ן אָרט האָב איך געגעבן א איינגאבע פון עטליכע הונדערט דאָלאַר, און צוגעזאָגט אַז ווי נאָר די דירה איז פאַרקויפט אָן קיין שאָדן פאַר מיר, באַקומט ער דאָס איבעריגע.

דאָס איז געווען בערך אדר צייט. עס גייט נישט דורך קיין לאַנגע צייט, און די זאַך האָט אָנגעהויבן זיך צו רירן. גלייך נאָך פסח האָב איך באַקומען א גוטן דיעל אויף דעם הויז, און כ'האָב געשלאָסן א מקח מיט א קונה וואָס איז געווען אינטערעסירט אָפּצוקויפן דאָס הויז. כ'האָב שוין געזען אַז יטב לב אַרבעט, און כ'האָב נאָכאַמאָל פאַרשפּראָכן פאַר ר' מאיר'ן, אַז ווי נאָר די קלאזונג וועט דורכגיין, באַקומט ער וויפיל כ'האָב פאַרשפּראָכן.

עס גייט דורך עטליכע וואכן, און א שיינעם טאָג טרעף איך ר' מאיר'ן שטיין פאַר מיר אין מיין אָפיס. מיין וואונדער איז געשטיגן פי כמה, און זייענדיג אין טיפן איבערראַשונג רוף איך מיך אָן צו ר' מאיר'ן "פון וואו האָסטו געוואוסט פּונקט היינט צו קומען?!" איך דערצייל אים אַז "פּונקט היינט" איז דער קלאזונג דורך, און דער בנין איז פאַרקויפט געוואָרן, נישט בלויז פאַר א ביליגן פּרייז, נאָר כ'האָב אפילו באַקומען א הויכן פּרייז דערפאַר, אויף אַזוי ווייט, אַז אפילו די קלאזונג-קאָסטן און אַנדערע אַרומיגע הוצאות איז נישט געבליבן אויף מיר. כ'האָב עס באַקומען פונעם קונה!

אויף דעם האָב איך מיך אויך נישט גערישט, און כ'האָב גלייך אויסגעצאָלט מיין חלק שותפות מיט יטב לב, נאָכן זען בחוש אַז אלקא דמאיר העלפט ווייטער אידישע קינדער ביז צום היינטיגן טאָג.

ידידכם, ש. י. א. פה וויליאַמסבורג יצ"ו

## דער גרעניץ-ווערכטער האָט פארגעסן

מריחוק מקום אשא ברכתי לכבוד מערכת גליון "בקודש חזיתיך"

זייענדיג א מאָנטרעאַלער תושב קען איך אייך נישט פּערזענליך דאַנקן, שפּיר איך קודם א פליכט אייך צו באַדאַנקן שריפטליך פאַר די הערליכע ווערק וואָס איר שטעלט אַהער מדי חודש בחודשו, און אַלס הכרת הטוב וועל איך אייך מהנה זיין מיט אַן אינטערעסאַנטע אנעקדאקט וואָס וואָלט מעגליך נישט געדאַרפט פּאַסירן... אָבער מעשה שהי' כך הי'.

מיט די ווערטער "עס וואָלט מעגליך נישט געדאַרפט פּאַסירן" מיין איך אַרויסצוברענגען אַז מ'זאָל זיך ח"ו נישט אָפּלערנען נאָכצוטון אַזעלכע זאַכן וואָס איז נישט אויסגעהאַלטן כפי חוקי המדינה וכנגד השכל, אָבער אַז כ'האָב עס אַליינס בייגעוואוינט מיין איך אַז עס וואָלט כדאי געווען.

לעצטענס בין איך געווען אין אונזער ביהמ"ד דאָ אין מאָנטרעאַל, און איך זעה ווי איד גייט צו צו די "יטב לב פּושקע" און לייגט אַריין א שיינעם סכום. ס'האָט מיך אַביסל געוואונדערט אַז ער לייגט אַריין אַזאַ גרויסן סכום, און זייענדיג נאָנט מיט אים, האָב איך אים געפרעגט וואָס דאָס מיינט.

דערציילט מיר יענער אַזוי. ער האַנדעלט מיט קינדער-קליידער וואָס ער ברענגט אַריין פון כינע, און ער פאַרקויפט דאָס דאָהי ווי אויך אין ניו יאָרק. זאָגט מיר יענער, אַז דאָס האָט ער זיך שוין אַסאַך מאָל איבערצייגט, אַז "יטב לב" איז א בחינה פון "פּותח שערים"... און ווען עס קומט צו סיי וועלכע "גרעניץ-פּראָבלעם" איז "יטב לב" דאָס בעסטע און אויסגעפרואווסטע מיטל.

אַלענפאַלס האָט זיך דאַן געהאַט געמאַכט, אַז ער האָט געדאַרפט אַריינברענגען דורך די קאַנאַדישע גרעניץ א גרויסן קוואַנטום פון קליידער. אַז מ'ברענגט אַריין קליידער, דאַרף מען - ווי פאַרשטענדליך - צאָלן שטייער. איז געוועגליך דער סיסטעם אַז מען געט אַריין א ליסטע פון וואָס מ'האָט צו דערקלערן, און אויף דעם צאָלט מען שטייער. עס מאַכט זיך אָבער אָפטמאָל אַז דער באַאַמטער איז נישט צופרידן מיט דעם וואָס עס שטייט אויף די רשימה, ער וויל זיך אַליינס איבערצייגן אַז די רשימה איז טאַקע ריכטיג, און ער גייט אליינס אָדער באַפעלט ער אַן אַנדערן אַז מען זאָל אויסטשעקן די קאַר אין וועלכן די סחורה געפונט זיך, צו די רשימה שטימט טאַקע. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פאַל געדויערט עס סאַך לענגער.

די מעשה איז געווען אום ערב שבת, ס'איז שוין געווען נאָכמיטאָג געציילטע שעה פאַר'ן זמן כניסת השבת. פון גרעניץ אַליינס ביז מאָנטרעאַל איז נאָך דאָ א שעה צייט צו פאָרן, און כ'האָב געהאָפט אַז אַלעס וועט דורכגיין כהוגן.

ביי די גרעניץ האָב איך אַלעס דערקלערט וואָס איך ברענג אַריין, און נאָכן איבערגעבן די רשימה האָט דער באַאַמטער געמאַכט א חשבון, און מיר געגעבן א צעטל אַז איך זאָל אַריינגיין אין צווייטן צימער, דאָרט באַצאָלן שטייער, ווי עס איז דער שטייגער אַלעמאָל. ס'איז מיר אָבער שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן ווען כ'האָב געזען אַז אויף די צעטל האָט ער אויך אויפגעשריבן אַז מ'זאָל אינספּעקטן מיין קאַר, זען צו דאָס וואָס כ'האָב געשריבן שטימט מיט דעם אינהאַלט וואָס ליגט אין מיין קאַר. ס'איז מיר גוט געוואָרן אויפ'ן הארץ... ווער ווייסט ווילאַנג דאָס קען געדויערן?

נישט האָבנדיג קיין ברירה, האָב איך מיך דערמאַנט אַז אין טאַש האָב איך נאָך ליגן א רעסיט פון דאָס פריערדיגע מאָל ווען כ'האָב דורכגעפירט קליידער דורך די גרעניץ, און כ'האָב באַשלאָסן אַז פאַר דעם וואָס נעמט דאָס געלט וועל איך ווייזן דעם צעטל, וואָס דאָרט שטייט דאָך נישט אַז ער זאָל איבערקוקן מיין אויטאָ. איך האב אָבער שאָקירט געוואָרן, אַז ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען אין צווייטן צימער, זעה איך אַז דאָרט געפונט זיך שוין אויך דער ערשטער באַאַמטער, טאַקע דער וואָס האָט אויפגעשריבן אַז מ'זאָל אינספּעקטן די קאַר.

כ'האָב שוין נישט געוואוסט וואָס צו טון, און כ'האָב באַשלאָסן זיך צו נעמען צו מיין אַלטן מיטל, נעמליך "יטב לב לצדקת רבי מאיר בעל הנס"... כ'האָב במחשבה צוגעזאָגט אַ שיינעם סכום פאַר יטב לב, און דאַן מיט א בלעכענעם פּנים געצייגט דעם אַלטן רעסיט.

והאנשים אשר פּתח המדינה הכו בסנורים... דער זעלבער באַאַמטער וואָס האָט א מינוט צוריק געשריבן אַז מ'זאָל אינספּעקטן מיין קאַר, קוקט אויף דעם רעסיט ווי דער האָן-אין-בני אדם און רעאַגירט נישט מיט קיין ווארט. איך באַצאָל שטייער, און מ'לאָזט מיך דורכגיין כאילו לא הי'!

"נאָכאַמאָל - זאָגט מיר דער אינגערמאַן. איך ראַט קיינעם נישט אַזוי צו טון! כ'האָב עס געטון ממש בלית ברירה. אָבער כ'האָב מיך ווידעראַמאָל איבערצייגט אַז ביי די גרעניץ איז "יטב לב" דאָס בעסטע, און אַצינד פיר אויך אויס מיין צוזאָג, אַריינצולייגן דעם שיינעם סכום אין די פּושקע.

ביז אַהער וואָס דער אינגערמאַן האָט מיר דערציילט, און איך שיק אייך דאָס דברים כהוויתן. נאָכאַמאָל א ישר כח פאַר דעם שיינעם גליון, און השי"ת זאָל אייך ווייטער געבן כח צו זיין די שלוחים נענטער צו ברענגן ישועות פאַר אידישע קינדער.

ידידכם, ז. ק. מאָנטרעאַל

ז